צו אים, און אים געבעטן, אַז ער זאָל אַראָפּגיין
און היילן זיין זון; ווייל ער האָט געהאַלטן ביים
48 שטאַרבן. און ישוע האָט געזאָגט צו אים: אויב איר
זעט נישט קיין אותות ומופתים, ווילט איר בשום
49 אופן נישט גלויבן. זאָגט דער קעניגלעכער באַ־
אַמטער צו אים: האַר, קום אַראָפּ, איידער מיין
50 קינד שטאַרבט. זאָגט ישוע צו אים: גיי, דיין זון
לעבט! דער מענטש האָט געגלויבט אין דעם וואָרט,
וואָס ישוע האָט צו אים געזאָגט, און איז געגאַנגען.
51 און בשעת ער איז אַראָפּגעגאַנגען, האָבן אים זיינע
קנעכט באַגעגנט, און געזאָגט, אַז זיין ייִנגל
52 לעבט. ער האָט זיך דעריבער נאָכגעפרעגט ביי
זיי די שעה, אין וועלכער עס איז אים בעסער
געוואָרן. האָבן זיי אים געזאָגט: נעכטן אין דער
זיבעטער שעה האָט דאָס פיבער אים פאַרלאָזט.
53 דער פאָטער האָט דעריבער געוואוסט, אַז עס איז
געווען אין יענער שעה, אין וועלכער ישוע האָט
צו אים געזאָגט: דיין זון לעבט; און ער האָט
54 געגלויבט און דאָס גאַנצע הויז זיינס. דאָס דאָזיקע
איז שוין דאָס צווייטע נס, וואָס ישוע האָט געטון,
ווען ער איז געקומען פון יהודה קיין גליל.

## קאַפּיטל פינף

5
1 נאָך דעם איז געווען אַ ייִדישער יום טוב, און
ישוע איז אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים.
2 און אין ירושלים ביים שער הצאן איז דאָ אַ טייך,
וואָס הייסט אויף לשון־קודש בית חסדא, און האָט
3 פינף זאַלן. אין די דאָזיקע איז געלעגן אַ מאַסע
קראַנקע, בלינדע, לאָמע און שווינדזיכטיקע, (וואָס
האָבן געוואַרט, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך באַוועגן;